# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת תצוה - זכור י"א אדר תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון כ"ב**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.........5:37
מוצאי שבת קודש.........7:09

## א מעשה פון תפלה

### יעקב משה אינדארסקי

אהיימגייענדיג פון בית המדרש פרייטיג צונאכטס מיט מיין אייניקל בין איך געגאנגען פון א אנדערע וועג ווי איך גיי געווענליך, עס קען זיך מאכן אז דארט קומען ארויס הינט און זיי בילן, איך מיט מיין אייניקל האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז קיין שום הינט זאל נישט בילן דעם גאנצן וועג, און שכח אייבערשטער אז אויפ'ן גאנץ וועג איז קיין שום הינט נישט ארויס געקומען און אויך נישט געבילט.

### מעכי ראזאנפעלד

א) איך האב געדארפט טרעפן א נייע זשאב וואס איז נאנט צום שטעטעל, איך האב אריינגעגעבן ביי א ארבעטס פארמיטלער אז איך זיך א זשאב, אויך האט א אנדערע איד אריין געגעבן אז ער זיכט א ארבעטער, למעשה האט ער נישט געוואלט צאלן די געהעריגע פרייז וואס איז גוט פאר מיר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטען יעדן טאג איך זאל טרעפן א פיינעם זשאב פאר גוט באצאלט, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין שווער האט געטראפן א איד וואס האט אים געזאגט אז ער ווייסט א איד וואס זיכט א ארבעטער, און שכח אייבערשטער אז יעצט איז טאקע געווען די ריכטיגע זשאב וואס איז געאייגענט פאר מיר און פאר גוט באצאלט ברוך השם.

ב) מען פלעגט דאווענען שחרית אין שטעטל 7:15 וואס דאס איז אביסל שפעט פאר מיר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל אנהייבן דאווענען אינדערפרי שחרית זיבן אזייגער, און שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה האט מעורר געווען מען זאל אנהייבן דאווענען זיבן אזייגער.

**מודעה**

מיר ווילן לאדענען אלע משפחות צו די גרויסארטיגע סעודת פורים מיטוואך ביינאכט אין בית המדרש אום 6:00 אזייגער נאכמיטאג.

א פרייליכע און ליסטיגע יום טוב פורים

## נייעס אין שטעטל

**בל"ן באווך פון דער ראש ישיבה שליט"א**

מאנטאג פארטאגס איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען אויף א באזיך אין שטעטל - מיט די מטרה צו מחזק זיין די אינגעלייט מען זאל אויפשטיין פארטאגס און קומען אין בית המדרש לערנען, און מיטברענגען די גרעסערע קינדער לערנען אינדערפרי. דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע האט זיך אויפגעשטעלט שבת הגדול שנת תש"ח און רופט זיך אן: איך גיי נישט זאגן קיין שבת הגדול דרשה, איך וועל נאר זאגן דעי דריי זאכן, און אז מען וועט דאס טוהן וועט זיין נעקסטע וואך שבת הגדול [שיינע שבתים] א) יעדער אינגערמאן מוז קובע זיין צייט צו לערנען תורה אינדערפרי און ביינאכט ב) די פרויען זאלן גיין מיט שטרימפ, און נישט קיין דורכטיגע שטרימפ ג) די פרויען זאלן זיך אפשערן די האר. זעהט מען פון דעם די וויכטיגקייט פון אויפשטיין אינדערפרי לערנען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט דעם דף גמרא ברכות ס [מען האלט שוין ביי די זעכציגסטע בלאט צו דו ווילסט יא צו דו ווילסט נישט] וואס עס רעדט זיך דארט פון תנא רבי עקיבא וואס האט אלץ געזאגט כל מה דעביד רחמנא לטב עביד - אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז צו גוטן, און ווי מען האט געפרעגט דעם הייליג'ן מגיד פון מעזריטש זי"ע וויאזוי קען מען זאגן אז מען דארף דאנקן דעם אייבערשטן אויף שלעכטס אזוי ווי מען דאנקט אויף גוטס? האט ער געזאגט מען זאל פרעגן זיין תלמוד דעם הייליג'ן רבי זושא זי"ע האט ער געזאגט ער ווייסט אויך נישט פשט, ווייל ער ווייסט בכלל נישט וואס מיינט שלעכטס ווייל וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט. אונז קענען אויך צו דעם צוקומען אויב לעבט מען מיט די עצה פון הייליג'ן רבי'ן פון רעדן צום אייבערשטן.

פאר דער ראש ישיבה איז צוריק געפארן אהיים האט ער זיך אנגערופן "די שטעטל איז זייער א פרייליכע פלאץ".

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,**

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים וואס געבן מיר לעבן ממש, ובפרט פאר די שיעור וואס איר האט געגעבן אין צפת, דאס האט מיר ממש מחיה געווען, א גרויסן דאנק.

אזוי ווי איך האב געהערט אז דער רבי לאזט נישט טרינקען קיין משקה המשכר, האב איך זיך אפגעוואוינט פון צו טרינקען אלקאהאל. יעצט ווען עס קומט דער יום טוב פורים, וויל איך וויסן וואס דער רבי זאגט וועגן טרינקען וויין אום פורים. יישר כח

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט״א:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת משפטים, כ״ב שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו האסט זיך אפגעוואוינט פון טרינקען וויין א גאנץ יאר; דער רבי האט אונז זייער געווארענט אז מיר זאלן נישט טרינקען קיין וויין. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כו): ״עַל־יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת״, אז מען טרינקט און מען שיכור׳ט זיך אן, פארגעסט מען פונעם אייבערשטן.

וויסן זאלסטו אז פון וויין קומט נישט ארויס קיין גוטס און עס נישט דא נאך א זאך וואס ברענגט וויינען אויף דער וועלט ווי וויין; וויין איז א לשון פון וויינען ווייל עס מאכט וויינען אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא עו:): ״יַיִן מֵבִיא יְלָלָה״; נאך זאגן חז״ל (במדבר רבה י, ו): ״יַיִן גּוֹרֵם לִזְנוּת״, וויין ברענגט צו טון עבירות רחמנא לצלן; נאך זאגן חז״ל (תנחומא, שמיני): ״יַיִן מֵבִיא אֶת הָאָדָם לִידֵי חֵטְא - צו עבירות, לְצָרָה גְדוֹלָה - צו גרויסע צרות, וּלְחִסָּרוֹן כִּיס - און עס מאכט אז דער מענטש זאל ווערן ארעם.

מען זעט אז די אלע וואס ווערן אריין געשלעפט אין טרינקען האבן נישט קיין דזשאב. ווייל זיי שטייען נישט אויף צייטליך, זיי שיכור׳ן ביינאכט און גייען שלאפן טויזנט אזייגער. נאכדעם ווען זיי שטייען אויף שפעט און זיי זעהן ווי דער טאג איז שוין אריבער ווערן זיי צעבראכן, דאן הייבן זיי אן נאכאמאל צו טרינקען.

שלמה המלך זאגט (משלי כג, כט): ״לְמִי אוֹי? לְמִי אֲבוֹי?״ אויף וועם איז א רחמנות, אויף וועם דארף מען שרייען אוי וויי? ״לְמִי מִדְיָנִים?״ ווער קריגט זיך מיט מענטשן? ״לְמִי שִׂיחַ?״ ווער רעדט אסאך נארישקייטן? ״לְמִי פְּצָעִים חִנָּם?״ ווער כאפט קלעפ? ״לְמִי חַכְלִלוּת עֵינָיִם?״ ווער האט רויטע אויגן? דאס אלעס פרעגט שלמה המלך און ער ענטפערט: ״לַמְאַחֲרִים עַל הַיָּיִן״, די אלע וואס טרינקען וויין.

וואויל איז דיר אז דו נעמסט דעם רבינ׳ס עצות אויף לעובדא ולמעשה און דו פאלגסט דעם רבי׳ן; ליידער זעט מען אסאך אינגעלייט טרינקען זיך אן שבת, זיי גייען פון איין שול צום צווייטן זוכן וואו עס איז דא פונעם ביטערן טראפ. מען גייט צו חברים און מען טרינקט זיך אן, נאכדעם קומט מען צו ניבול פה און צו ביטערע עבירות רחמנא לצלן. אנשטאט דער אינגערמאן זאל **אהיים גיין צו זיין ווייב און קינדער פארברענגען מיט זיי** - די איין מאל א וואך וואס דער אינגערמאן האט אביסל צייט צו זיין אין שטוב, אנשטאט דעם גייט אוועק דער שבת מיט טרינקען.

בנוגע טרינקען פורים; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה ז:): ״חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי״ און אזוי ווערט גע׳פסק׳נט אין שלחן ערוך, אז מען זאל טרינקען פורים (אורח חיים סימן תרצה, סעיף ב). מוהרא״ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין אז מען זאל טרינקען מיט א מאס; נישט זיך אנטרינקען אזוי שטארק אז מען זאל ווערן שיכור ווי לוט און פארפאסן דאווענען מנחה, מעריב און ברכת המזון וכו׳ וכו׳.

פורים ביינאכט איז נישט קיין מצוה צו טרינקען און אויך נישט קיין שכל׳דיגע זאך; מען זעט בחורים טרינקען זיך אן די ערשטע נאכט און ווערן אזוי שיכור אז זיי האבן נישט קיין פורים נאכדעם. פורים בייטאג דעמאלט איז די צייט צו טרינקען אפאר כוסות וויין, מען טאנצט און מען איז פרייליך און מען מאכט א צווייטן פרייליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

***

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,**

איך הער אויס אייערע שיעורים און חיזוק יומי, און דאס איז מיר זייער מחזק אין אמונה און צו רעדן צום אייבערשטן.

איך האב געוואלט פרעגן אויב ס׳איז צניעות׳דיג פאר א גרויסע מיידל זיך צו פארשטעלן אום פורים, און אויב נישט אויב מ׳מעג כאטש זיך אביסל מאכן אינטערעסאנט די האר לכבוד פורים. א גרויסן ש׳כח.

א מיידל פון זיבעצן יאר

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט״א:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת פרשת משפטים-שקלים, מברכים אדר, כ״ד שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

לכבוד ... תחי׳

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וויסן זאלט איר אז **צניעות איז די שענסטע זאך ביי אידישע קינדער**, אזוי ווי עס שטייט (תהלים מה, יד): ״כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ - פְּנִימָה״, דאס איז די שטאלץ פון אידישע קינדער, צו גיין אנגעטון איידל און זיך אויפירן איידל.

די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש זוטא רות ד, יא): ״אֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִים אֶלָּא בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבַּדּוֹר, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים צה, ט): זָכַר חַסְדּוֹ וֶאֱמוּנָתוֹ לְבֵית יִשְׂרָאֵל, ׳לִבְנֵי׳ יִשְׂרָאֵל לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא ׳לְבֵית׳ יִשְׂרָאֵל״, בזכות די צניעות פון די ערליכע אידישע טעכטער וועלן מיר ארויס גיין פון דעם ביטערן גלות.

מוהרא״ש זכרונו לברכה שרייבט זייער א שרעקעדיגע זאך אין א בריוו פאר די פרויען אין יבניאל (מכתב מיום ג׳ לסדר וארא כ״ב טבת ה׳תשע״ה): ״וַאֲנִי תּוֹלֶה אֶת מַחֲלַת אִשְׁתִּי תְּחִי׳, מִפְּנֵי שֶׁלֹּא עוֹרַרְתִּי אוֹתָךְ יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת״, איך טראכט אז דאס וואס מיין ווייב (תחי׳) [עליה השלום] איז נישט געזונט געווארן מיט די ביטערע מחלה ה׳ ירחם, קומט צו מיר ווייל איך האב נישט גענוג גערעדט און אויפגעפאדערט וועגן צניעות; זעט מען ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן אויף צניעות.

מען דארף זייער אכטונג געבן אויף צניעות א גאנץ יאר; בפרט פורים דארף מען נאך מער אכטונג געבן, ווייל עס זענען דא מענטשן וואס זיי זוכן אויסצוניצן דעם טאג פאר נישט גוטע זאכן ה׳ ירחם. ווען מען זעט פורים אז א שיכור רעדט און לאכט מיט פרויען דארף מען וויסן אז דער איז גארנישט שיכור, דער איז א מנוול, דער איז א שגץ. א גאנץ יאר זוכט ער ווי ער קען רעדן און לאכן וכו׳, אבער ער האלט זיך צוריק ווייל ער ווייסט אז מען וועט וויסן ווער ער איז, דערפאר ווארט ער אויף פורים, ער טראכט אז דעמאלט וועט ער זיך מאכן שיכור. דערפאר דארף מען מער אכטונג געבן פורים און האלטן אפען די אויגן, ווען מען זעט א שיכור לויפט אריין צו די פרויען און מאכט זיך בא׳טעמ׳ט דארף מען פון אים שטיין זייער ווייט.

בנוגע פארשטעלן; קליינע קינדער פארשטעלן זיך, אבער גרויסע מיידלעך פארשטעלן זיך נישט. אז מען וויל דוקא קען מען מאכן די האר אויף אן אנדערע וועג וכו׳.